# משיחת מוצש״ק פ׳ פרה תשל״ח

אוצר החכמה

הנחת הת' בלתי מוגה

א. צוה לנגן ואמר מאמר ד"ה וידבר גו' זאת חקת התורה גו'.

* * *

ב. ביי דעם ענין פון פרה אדומה געפינט מען א דבר תידוש [במרומז לעיל אין דעם מאמר - וואס ער איז מיוסד אויף די מאמרים פון רבותינו נשיאינו, אנהויבנדיק פון לקו"ת, און דערנאך אין אוה"ת, ועד"ז אין די מאמרים פון די נשיאים ממלאי מקומם, ביז צו כ"ק מו"ח אדמו"ר נשיא דורנו] - ווי דער רמב"ם זאגט אין ספר המצוות[1]: "שצוונו לעשות פרה אדומה כדי שיהי' אפרה מזומן למי שיצטרך אליו לטהרת טומאת מת".

[ס'איז דא א גירסא[2] "שתהא מוכנת" (ניט "כדי שיהי' אפרה מזומן" - אבער בפשטות איז די גירסא הנכונה "כדי שיהי' אפרה מזומן", ווארום די גירסא איז אראפגעבראכט אין ספר החינוך[3], וכידוע אז דער חינוך גייט בדרך הרמב"ם, ובפרט אין ספר המצוות שלו].

ד.ה. אז די מצוה פון פרה אדומה באשטייט אין דעם אז ס'זאל זיין "אפרה מזומן למי שיצטרך אליו לטהרת טומאת מת" - אויב ס'וועט זיין א טמא מת, און ער וועט זיך וועלן מטהר זיין,

- ס'איז ניטא קיין חיוב ער זאל זיך מטהר זיין פון דער טומאה, דער חיוב איז נאר "חייב אדם לטהר את עצמו ברגל"[4] [און אין דערויף גופא איז דא די שקו"ט[5] צי דאס איז מדאורייתא אדער מדרבנן], און אפי' "ברגל", איז דאס דוקא וואו ס'איז דא דער חיוב פון עלי' לרגל, משא"כ אויב ער געפינט זיך בחו"ל, אדער אז ער האט ניט קיין קרקע, וואס דעמולט איז ניטא דער חיוב פון עלי' לרגל[6] -

קומט ראך אויס אז מ'דארף האבן דערצו צוויי תנאים: (א) ס'איז דא א טמא מת (ער איז נכשל געווארן און נטמא געווארן אין א מת, אדער אז ס'איז געווען א מת מצוה, וואס ער איז געווען מחוייב להטמא), און (ב) ער זאל וועלן זיך מטהר זיין.

און אעפ"כ איז דא א מ"ע צוגרייטן די פרה אדומה, "כדי שיהי' אפרה מזומן למי שיצטרך אליו לטהרת טומאת מת".

- און -

---

1) מ"ע קיג. 2) סהמ"צ הוצאת קאפאח. 3) מצוה שצז.
4) ר"ה טז, ב. 5) ראה רמב"ם הל' טומאת אוכלין פט"ז ה"י, ובמשנה למלך שם. 6) ראה תוד"ה מאלי' פסחים ג, ב.



הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשל"ח ב שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס : 83 הודפס ע"י אוצר החכמה

און אין דערויף באשטייט דער חידוש פון פרה אדומה: ביי אלע עונשים שבתורה (וואס זיי זיינען אויך פארבונדן מיט אן ענין בלתי רצוי (ע"ד ווי פרה אדומה וואס איז פארבונדן מיט טומאת מת)) זאגט מען, אז אויב ס'וועט זיין דער ענין בלתי רצוי, דארף דעמולט דער ב"ד צוזאמענקלייבן זיך און מהלים זיין וואס איז דער עונש;

משא"כ ביי פרה אדומה, זאגט מען ניט אז אויב ס'וועט זיין אן ענין פון טומאת מת, דארף מען דעמולט שורף זיין די פרה אדומה וכו', נאר אדרבה, מ'דארף שורף זיין די פרה "כדי שיהי' אפרה מזומן למי שיצטרך אליו לטהרת טומאה מת".

און די דאי' אויף דעם איז דערפון וואס ס'שטייט[7] "והיתה לעדת בני ישראל למשמרת" - וואס דער פירוש הפשוט בזה איז, אז ס'זאל זיין אנגעגרייט, משומר, אז אויב מ'וועט דאס אמאל דארפן האבן צוליב א טמא מת, זאל מען דאס קענען האבן.

ג. דער רס"ג אין ספר המצוות שלו[8] זאגט: "ופרה למשמרת בתדר", ד.ה. אז די מצוה פון פרה אדומה איז אז ס'זאל זיין "למשמרה".

שטעלן זיך אויף דעם אחרונים[9], און זאגן, אז שיטת הרס"ג איז ניט אזוי ווי שיטת הרמב"ם:

דער רס"ג זאגט "ופרה למשמרת תדר", וואס בפשטות גייט דאס אויף דעם אפר וואס מ'האט אוועקגעלייגט "בחיל" - ווי די משנה[10] זאגט: "חולקים אותו לשלשה חלקים, אחד נותן בחיל, ואחד נותן בהר המשחה, ואחד הי' מתחלק לכל המשמרות", און ווי ער זאגט אויף דעם אין תוספתא[11]: "זה שמתחלק לכל המשמרות היו ישראל מזין הימנו, זה שניתן בהר המשחה היו הכהנים מקדשין בו, זה שניתן בחיל היו משמרים אותו, שנאמר והיתה לעדת בני ישראל למשמרת" - איז וויבאלד דער רס"ג זאגט "ופרה למשמרת תדר", איז פארשטאנדיק, אז לשיטתו איז עיקר המצוה אין דעם אפר וואס געפינט זיך "בחיל", וואס עבינו איז אז ס'זאל זיין "למשמרת";

משא"כ לשיטת הרמב"ם, אז די מצוה איז "שצוונו לעשות פרה אדומה כדי שיהי' אפרה מזומן למי שיצטרך אליו לטהרת טומאת מת" - איז עיקר המצוה אין דעם אפר וואס "מתחלק לכל המשמרות", וואס דעם אפר האט מען גענוצט אויף מטהר זיין

- אידן -

---

7) חקת יט, ט. 8) פרשה מה. 9) די"פ פערלא לרס"ג ח"ג שם (קצ, ד ואילך). 10) פרה ספ"ג. 11) שם.



הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשל"ח ב שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס: 84 הודפס ע"י אוצר החכמה

אידן פון טומאת מת (און ניט דער אפר וואס איז געווען "בחיל", וואס ענינו איז "למשמרת"). כמבואר דארטן די גאנצע שקו"ט בזה.

ד. אבער באמת איז לגמרי ניט קיין הכרח צו זאגן אז ס'איז א פלוגתא צווישן דעם רס"ג מיטן רמב"ם. והביאור בזה:

בשעת דער רמב"ם זאגט אז די מצוה באשטייט אין דעם "כדי שיהי' אפרה מזומן למי שיצטרך אליו לטהרת טומאת מת", ברענגט ער די ראי' דערפון וואס ס'שטייט "והיתה לעדת בני ישראל למשמרת" - ד.ה. אז דער פירוש הפשוט אין "למשמרת" איז (ניט נאר דער אפר וואס איז געווען "בחיל", וואס ער איז געווען "למשמרת" לדורות הבאים, נאר) אויך פאר דעם אידן וואס ווערט זיך ווען ער סהר זיין בו ביום אדער למהרה וכו', וואס דאס מיינט "למשמרת", אז ס'זאל זיין צוגעגרייט, "שיהי' אפרה מזומן למי שיצטרך אליו לטהרת טומאת מת".

[אע"פ אז ספר המצוות להרמב"ם איז ניט אזוי מדויק, ווארום דאס איז א העתק פון לשון ערבי, במילא האבן די מעתיקים ניט מדייק געווען אזוי פיל[12] - פונדעסטוועגן, וויבאלד אז דא רעדט זיך ניט וועגן א לשון פון דעם רמב"ם אליין, נאר א פסוק וואס ער ברענגט, איז דאך ניט שייך צו זאגן אז דער מעתיק האט א טעות געהאט און געבראכט א צווייטן פסוק].

וואס דערפון איז פארשטאנדיק, אז דער רמב"ם טייטשט אפ "למשמרת" כפשוטם של כתובים - אז ס'זאל זיין צוגעגרייט פאר אלע אידן וואס ווילן דאס דארפן נוצן.

נאר אין דערויף גופא טיילט מען אויס מער בפרטיות - אז דער אפר הפרה איז געווען פאנאנדערגעטיילט אויף דריי חלקים: בחיל, און בהר המשחה, און לכל המשמרות - און דאס וואס איז געווען "בחיל", איז ענינו הפרטי געווען "למשמרת" לדורות הבאים (משא"כ די אנדערע צוויי חלקים); אבער בכללות איז דער חלק וואס "ישראל מזין הימנו" ווערט אויך אנגערופן "למשמרת", ווארום דאס דארף זיין צוגעגרייט, "שיהי' אפרה מזומן למי שיצטרך אליו לטהרת טומאת מת".

[ובדוגמא ווי דער רמב"ם[13] זאגט, אז ס'זיינען דא כמה מסכתות וואס ווערט נכלל אין סדר "טהרות", און צווישן זיי גופא איז דא איין מסכת וואס ווערט אנגערופן "טהרות";

- ובדוגמא -

---

12) ראה לקו"ש חי"א ע' 121 הע' 37. 13) ראה הקדמת הרמב"ם לפיהמ"ש.



הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשל"ח ב שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס: 85 הודפס ע"י אוצר החכמה

ובדוגמא ווי דער רמב"ם[14] זאגט, אז צווישן די שטערן איז דא איין שטערן וואס ווערט אנגערופן בלה"ק "כוכב" [וואס "שמו אשר יקראו לו בלה"ק" איז מהוה ומקיים ומחי' דעם ענין, כתורת הבעש"ט[15]], אע"פ אז דאס איז דער שם כללי פון אלע "כוכבים" -

איז עד"ז אויך בנוגע צו דעם ענין פון "למשמרת", אז בכללות, איז דער אפר הפרה וואס "ישראל מזין הימנו", אויך אנגערופן "למשמרת" (וויבאלד אז דאס איז "מזומן למי שיצטרך אליו לטהרת טומאת מת"); אבער בפרטיות, איז דא דער חלק וואס איז געווען "בחיל", וואס ענינו (צווישן די איבעריקע חלקים) איז געווען "למשמרת" לדורות הבאים].

ה. דערפון איז פארשטאנדיק, אז שיטת הרס"ג איז אזוי ווי שיטה הרמב"ם - ווארום דאס וואס דער רס"ג זאגט "ופרה למשמרת תדר", מיינט ער ניט דעם חלק וואס איז געווען "בחיל דוקא, וואס ענינו (המיוחד) איז געווען "למשמרת", נאר ער מיינט (אויך) דעם אפר הפרה וואס "ישראל מזין הימנו", וואס עד ווערט אויך אנגערופן "למשמרת", וויבאלד אז ער איז צוגעגרייט, "מזומן למי שיצטרך אליו כו'".

און וויבאלד אז "למשמרת" מיינט "שיהי' אפרה מזומן למי שיצטרך אליו" - איז פארשטאנדיק, אז דאס איז צוליב א דבר הרגיל - פאר יעדער אידן וואס וועט זיך ווע לן מטהר זיין פון טומאת מת,

- ניט ווי אחרונים[16] ווילן מבאר זיין, אז לשיטת הרס"ג איז עיקר המצוה אין דעם אפר וואס איז געווען "בחיל", וואס פון דעם אפר האט מען מזה געווען אויפן כה"ג, כדי ער זאל קענען עובד זיין די עבודה פון יוהכ"פ[17] - וויבאלד אז די עבודה פון יוהכ"פ מוז געטאן ווערן דורך א כה"ג דוקא, און דעמולט איז דא א חיוב מן התורה אז דער כה"ג זאל זיך מטהר זיין -

ווארום דעמולט וועט דאך אויסקומען, אז די פרה אדומה וועלכע מ'האט געמאכט בניסן[18], איז ענינה געווען צוליב עבודת הכה"ג וואס וועט זיין ביוהכ"פ, זעקס חדשים לאח"ז!

[ווארום אפי' לויט דער דעה[19] אז אהרן הכהן האט געקענט אריינגיין אין קדש הקדשים בכל עת (מיט די תנאים המיוחדים "בזאת" -

------------

14) הל' יסוה"ת רפ"ג ובפירוש שם. 15) שעהיוה"א פ"א. 16) רי"פ פערלא שם. 17) יומא ד, א ובפרש"י. 18) ירושלמי מגילה פ"ג ה"ה. 19) ראה ויק"ר פכ"א, ז. ובפירוש הרד"ל שם

 הנחת הת' בלתי מוגה

הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשל"ח ב שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס: 86 הודפס ע"י אוצר החכמה

- "בזאת יבוא אהרן וגו'"[20]) - איז דאך אבער ניטא קיין חיוב ער זאל אריינגיין בכל עת (מוז מען ניט האבן די פרה אדומה); דער חיוב איז נאר אויף יוהכ"פ.

ובמילא דארף מען זאגן אז עיקר המצוה באשטייט אין דעם אפר וואס "ישראל מזין הימנו", וואס ער האט געדארפט זיין "למשמרת", "שיהי' אפרה מזומן למי שיצטרך אליו" *.

אבער באמת איז די קושיא (אז ס'וועט אויסקומען אז מ'האט געמאכט די פרה בניסן צוליב עבודת הכה"ג ביוהכ"פ) מלכתחלה ניט קיין קושיא - ווארום אויך דעמולט זיינען געווען כו"כ וואס האבן געדארפט האבן דעם ענין הטהרה ** וויבאלד אז פון מ"ת ביז ווען ס'איז געבויט געווארן דער משכן (וואס דאס איז געווען כמה חדשים לאחרי נתינת לוחות שניות) איז ניט געווען דער ענין פון פרה אדומה, איז גלייך ווי מ'האט שורף געווען די פרה אדומה, זיינען שוין געווען כו"כ וואס אויף זיי איז געווען א חיוב מן התורה צו מטהר זיין זיך.

ו. די הוראה דערפון אין עבודת האדם:

מ'האט דאך גערעדט פריער (בהמאמר) אז דער ענין פון פרה אדומה איז דער ענין התשובה.

איז וויבאלד אז "דרך איש ישר בעיניו"[22], קען ער דאך טראכטן אז אים איז אזוי ניט נוגע עבודת התשובה ס'איז מערניט אז טאמער וועט אמאל זיין חטא ופגם ועבר את הדרך, וועט ער דעמולט דארפן אנקומען צו דעם ענין התשובה - דארף ער דערפאר לערנען די הלכות פון תשובה; אגה"ת פון דעם אלטן רבי'ן, און די ספרים שלפנ"ז וואס רעדן וועגן דעם ענין

- התשובה -

------------

*) ועפ"ז יומתק מ"ש הרס"ג "ופרה למשמרת בתדר" - לא רק בשביל יוהכ"פ.

**) אין הכוונה לכל ישראל, כדי שיקריבו פסחיהם בטהרה, דהרי קרבן פסח קרב בטומאה (באם מאיזה סיבה רובם לא נטהרו) - כי אם להכהנים העובדים, כדי שיקריבו בטהרה.

וכידוע האריכות באחרונים[21] שקודם זמן החיוב (דיוהכ"פ ועד"ז דק"פ וכו') אין חיוב להכנתו ולהכשרו (עכ"פ מדאורייתא) משא"כ הכהנים העובדים שבכל יום צ"ל עבודתם במשכן וכו'.

------------

20) אחרי טז, ג. 21) ראה לקח טוב להר"י ענגל כלל ו' אות ג. צפע"נ להרמב"ם הל' שבועות פ"ה הס"ו. 22) משלי כא, ב.



הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשל"ח ב שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס : 87 הודפס ע"י אוצר החכמה

התשובה, אזוי ווי אגה"ת פון רבינו יונה וכו'].

זאגט מען אים אז עבודת התשובה דארף זיין בכל יום ויום - אין עבודת התפלה[23].

ווארום נוסף אויף דעם ענין וואס "אין צדיק בארץ אשר יעשה טוב ולא יחטא"[24] - עכ"פ "חטא" מלשון חסרון[25], איז דאך דא דער ענין פון "עטיו של נחש" (אפי' ביי די ארבעה וואס ביי זיי איז ניט געווען קיין ענין של חטא, און דער ענין המיתה איז ביי זיי געווען "בעטיו של נחש"[26]),

וכידוע דער פירוש האריז"ל[27] אויפן פסוק "ותלית אותו על עץ"[28] - אז ס'איז ניטא קיין אנדער סיבה אין וואס צו תולה זיין דעם ענין המיתה (וויבאלד אז ביי אים איז ניט געווען קיין חטא), און דערפאר איז "ותלית אותו על עץ", אז דאס קומט צוליב דעם חטא פון עץ הדעת - ובלשון הגמרא "עטיו של נחש" (ווי גערעדט אמאל[29] (אין א ההוועדות בשנים שעברו) בארוכה וועגן דעם פירוש האריז"ל - און מ'האט דאס געטייטשט אויפן אריז"ל גופא) -

במילא דארף ער גלייך אנקומען צו דעם ענין התשובה, בשעתא חדא וברגע חדא[30], אין אן אופן פון "מיד".

עאכו"כ ע"פ מארז"ל[31] (אין נגלה דתורה) "כל דור שאינו נבנה (ביהמ"ק) בימיו מעלין עליו כאילו החריבו", ועאכו"כ לויטן פס"ד פון רמב"ם[32] "צריך אדם שיראה עצמו כו' חציו זכאי וחציו חייב וכן כל העולם כו', עשה מצוה אחת הרי הכריע את עצמו ואת כל העולם כולו לכף זכות, וגרם לו ולהם תשועה והצלה" -

איז דאך פארשטאנדיק, אז ווען ער כאפט זיך אז מ'געפינט זיך נאך אין גלות כפשוטו (וואס אויף דערויף דארף מען ניט האבן קיין התבוננות גדולה), עאכו"כ בימינו אלו וואס ס'איז א חושך כפול ומכופל - רופט דאס ארויס ביי אים אז ס'זאל זיין דער ענין פון עבודת התשובה, און אין אן אופן פון תיכף ומיד.

ז. וכמדובר כמ"פ אז עבודת התשובה דארף זיין אין אן אופן פון שמחה - ווארום מה-דאך אז קיום כל המצוות דארף זיין

- אין -

---

23) דאה אגה"ת פ"י. 24) קהלת ז, כ. 25) לקו"ת מסות פב, א. 26) שבת נה, ב. 27) נחל קדומים עה"פ תצא כא, כב. 28) תצא שם. 29) ראה לקו"ש ח"ד ע' 167 ואילך. 30) זח"א קכט, סע"א. 31) ירושלמי יומא פ"א ה"א. מדרש תהלים עה"פ קלב, י. 32) הל' תשובה פ"ג ה"ד.



הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשל"ח ב שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס: 88 הודפס ע"י אוצר החכמה

אין אן אופן פון "עבדו את ה' בשמחה"[33],

- וכמובן בפשטות די שמחה שבזה, וויבאלד אז ער האט די מעגליכקייט צו מקיים זיין רצון הבורא, "אשר קדשנו במצותיו וצונו", וואס "מצוה" איז מלשון צוותא וחיבור[34], דורך דעם פארבינדט ער זיך מיטן אויבערשטן,

און ווי חסידות[35] גיט אויף דערויף דעם משל, אז מ'זעט אויך אין גדרי הנבראים, אז בשעת איינער וואס איז א חכם גדול און ביי אים איז עצמות החכמה באופן הכי נפלא, פארבינדט זיך מיט א פשוט שבפשוטים, און גיט אים א ציווי ושליחות צו דורכפירן - ווערט דעמולט (דורך דעם) דער פשוט שבפשוטים א מציאות (ביי דעם חכם), און א מציאות חשובה וכו'

וואס דאס איז בנוגע צו יעדער ענין פון תורה ומצותי' ביז אויך אין אלע פרטים ופרטי פרטים פון התומ"צ [וואס אין דעם ענין הרצון (תומ"צ - וואס דאס איז רצון ה') איז דאך יעדער פרט הופס מקום אזוי ווי דער גאנצער ענין, כמבואר בארוכה בכ"מ[36] דער חילוק צווישן חכמה ושכל מיט רצון] -

איז דאך עאכו"כ אז מצות התשובה, וואס זי איז מתקן וממלא ומשלים [אויך מלשון שלימות - ביז צו דער דרגא פון בעלי תשובה] אלע ענינים פון תומ"צ, דארף דאס זיכער זיין אין אן אופן פון שמחה גדולה, באין ערוך פון דער שמחה וואס ס'דארף זיין אין קיום כל התומ"צ (וואס ס'דארף זיין "עבדו את ה' בשמחה").

וואס דערפון איז אויך פארשטאנדיק בנוגע להמדובר לעיל וועגן דעם ענין פון פרה אדומה, וואס אין עבודת האדם איז דאס דער ענין התשובה - אז דאס דארף זיין בשמחה גדולה.

ח. און דערפאר ווען מ'געפינט זיך במוצאי שבת, אין סעודתא דדוד מלכא משיחא[37], וואס דעמולט איז מען מלוה די "מלכה"[38], אדער ווי דער צווייטער לשון[39] אז מ'איז מלוה דעם "מלך" - איז דאס ניט קיין סתירה צו עבודת התשובה, ווארום עבודת התשובה דארף זיין בשמחה גדולה (כנ"ל ס"ו).

ואדרבה, ווען ער געפינט זיך צוזאמען מיטן "מלך" און - "מלכה" -

------------

33) תהלים ק, ב. 34) לקו"ת בחוקותי מה, ג. 35) סה"מ ה'ש"ת ע' 73 ואילך. ובכ"מ. 36) ד"ה השמים כסאי תרס"ח (המשך תרס"ו ע' תקכב). וראה הנסמן בלקו"ש חי"ג ע' 67 הע' 17. 37) פע"ח סוף שער השבת. סידור האריז"ל (להר"ש מרשקוב). 38) ראה שבת קיט, א. 39) שו"ע אדה"ז או"ח ס"ש ס"ב. וראה שבת שם, ב ובפרש"י ד"ה במוצ"ש.

 הנחת הת' בלתי מוגה

הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התוכנה
שיחות קודש - תשל"ח ב שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס: 89 הודפס ע"י אוצר החכמה

"מלכה" - איז עבודת התשובה אין אן אופן פון שמחה גדולה ביותר, ביז אין אן אופן פון "שמחה פורץ גדר"[40] - ובפרט אז מ'האט די נתינת כח לזה פון שמחת פורים, וואס די איז א שמחה גדולה ביותר ביז למעלה ממדידה והגבלה, "עד דלא ידע"[41].

וי"ל אז ס'איז דא א קשר צווישן פורים מיט דעם ענין פון פרה אדומה:

בפורים איז געווען דער ענין פון "קיימו מה שקבלו כבר"[42], אז די ענינים וואס "קבלו" במ"ת, איז בפורים געווען דער "קיימו".

ועד"ז איז אויך אין דעם ענין פון פרה אדומה:

אויף פרה אדומה שטייט[43] "זאת חקת התורה". וכידוע דער ביאור בזה[44], אז דורך דעם איז מען ממשיך אין כל התורה ומצוותי' דעם ענין פון "חוקה חקקתי"[45], אז דער קיום פון גאנץ תומ"צ זאל זיין אין אן אופן פון "חוקה חקקתי".

וואס דאס איז פארבונדן דערמיט וואס פרה אדומה איז דער ענין פון רצוא ושוב פנימיים (דארטן איז דער ענין פון רצו"ש בגילוי ובהדגשה), וואס דערפאר איז דאס כללות התורה כולה[46] - אז דערפון ווערט דאס נמשך אין כללות התורה ומצוותי'; ועד"ז אויך בנוגע צו דעם ענין פון "חוקה חקקתי".

וואס דערפון איז פארשטאנדיק, אז ס'איז דא דער ענין פון תורה ווי דאס איז פאר דעם ענין פון פרה אדומה, "מה שקבלו כבר"; און דערנאך איז דא דער ענין וואס קומט צו בכל התורה דורך פרה אדומה, אז כל התורה זאל זיין אין אן אופן של "חוקה" (ע"ד ווי פורים האט אויפגעטאן דעם "קיימו" אין דער תורה וואס מ'האט געהאט לפנ"ז).

ט. און דאס איז ממשיך די ענינים פון "אורה ושמחה וששון ויקר"[47] כפשוטו, צוזאמען מיטן ביאור בזה אין תושבע"פ[48] "אורה זו תורה וכו'" ביז "ויקר אלו תפילין", וואס דאס איז כולל כל התורה כולה,

און ס'ווערט דער "מסמך גאולה לגאולה"[49] - וואס בהדגשה שטייט דאס אין שנת העיבור, ווארום דעמולט זאגט מען אז "מקרא מגילה" דארף זיין אין אדר הסמוך לניסן, וויבאלד אז ס'דארף זיין "מסמך גאולה לגאולה",

- ווערט -

---

40) ד"ה שמח תשמח תרנ"ז ע' 49 ואילך. 41) מגילה ז, ב.
42) שבת פח, א. 43) ר"פ חקת. 44) ראה לקו"ת ר"פ חקת. וראה לקו"ש חי"ג ע' 67 ואילך. 45) במדב"ר פי"ט, א.
46) לקו"ת שם. וראה ג"כ לעיל בהמאמר. 47) אסתר ח, טז.
48) מגילה טז, ב. 49) שם ו, סע"ב.



הנחת הת' בלתי מוגה

הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשל"ח ב שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס: 90 הודפס ע"י אוצר החכמה

וועט זיין דער "מסמך גאולה לגאולה" - אז פון דער גאולה פון דעם מעמד ומצב וואס "אכתי עבדי אחשורוש אנן"[50], וועט מען קומען צו דער גאולה האמיתית והשלימה ע"י משיח צדקנו, וואס "בניסן עתידין להגאל"[51],

- וואס בשעת די גאולה וועט נאך זיין אין די ימים אחרונים פון אדר שני הסמוך לניסן, וועט מען בדרך ממילא שטיין בניסן אין א מעמד ומצב של גאולה -

"ושם נעשה לפניך את קרבנות חובותינו"[52], און "ונאכל שם מן הזבחים ומן הפסחים אשר יגיע דמם על קיר מזבחך לרצון"[53],

און ס'וועט זיין "גואל ישראל" לשון הווה, נאך אין די טעג פון אדר שני, ובדרך ממילא וועט זיין דער "הוציאנו מעבדות לחרות וכו'", ביז צו "ונודה לך שיר חדש"[53], לשון זכר[54] - די שירה עשירית[55], וואס די איז אויך פארבונדן[56] מיט דער פרה עשירית וואס משיח צדקנו וועט מאכן[57],

וועט דאס זיין בקרוב ממש, למטה מעשרה טפחים, ובחסד וברחמים, און אין אן אופן אז מ'וועט ארויסגיין פון גלות "בנערינו ובזקנינו גו' בבנינו ובבנותנו"[58], ביז "לא תשאר פרסה"[59], און אין אן אופן פון "ובנ"י יוצאים ביד רמה"[60], בקומה זקופה, בעגלא דידן ממש.

* * *

י. כאן המקום מעורר זיין און מעודד זיין און מזרז זיין אויף אן ענין וואס איז פארבונדן מיט מגילת אסתר און ימי הפורים (וואס דערוויילע האב איך ניט געפונען אז מ'זאל דאס מדגיש זיין און מעורר זיין וועגן דעם בנוגע לענינים של פועל) - ובהקדים:

אע"פ אז ס'שטייט[61] "ולא יעבור", וואס דערפון לערנט אפ די גמרא[62] אז בט"ד וי"ד איז ניט שייך דער ענין פון קריאת המגילה, ואדרבה, ס'איז גאר א ציווי "ולא יעבור" - איז דאס נאר בנוגע צו קריאת המגילה, משא"כ בנוגע צו שאר עניני פורים, ועאכו"כ דער ענין השמחה שבפורים, אז דאס איז דא בכל החודש כולו.

- און -

---

50) שם יד, א. 51) ר"ה יא, א. שמו"ר פט"ו, יא.
52) מוסף דיו"ט. 53) פסחים קטז, ב במשנה. 54) מכילתא - הובאה בתוד"ה ונאמר פסחים שם. 55) מכילתא בשלח טו, א. תנחומא שם י. 56) ראה אוה"ת ריש שה"ש. 57) יל"ר ר"פ חקת רמב"ם הל' פרה אדומה ספ"ג. 58) בא י, ט. 59) שם, כו. 60) בשלח יד, ח. 61) אסתר ט, כז. 62) ריש מגילה.



הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשל"ח ב שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס: 91 הודפס ע"י אוצר החכמה

# משיחת ש״פ החודש תשכ״ד

ונוסף לזה: אין די גאולה העתידה איז דא אויך די מעלה פון עבודת הצדיקים, וכמאמר משיח אתא לאתבא צדיקייא בתיובתא, עס וועט טאקע זיין אן ענין פון לאתבא בתיובתא, אבער אין וועמען - אין צדיקיא, וואס דערפאר איז אויך די גאולה העתידה וועט זיין בניסן כנ"ל, וואס ניסן איז עבודת הצדיקים, כדלקמן.

דער חילוק פון ניסן ביז תשרי איז, אז ניסן איז גילוי מלמעלה למטה, דבניסן איז דער צירוף שם הוי' כסדרו, און דערפאר ווערט ער אנגערופן אויך אביב, סדר האותיות כסדרן מלמעלמ"ט, אל"ף בי"ת, משא"כ תשרי איז מלמטה למעלה, שהצירוף דשם הוי' איז איננו כסדרו, וגם סדר האותיות בתשרי הוא מלמטלמ"ע, תי"ו שי"ן רי"ש. איז בנוגע יציאת מצרים וואס ענינה איז עבודת הצדיקים כנ"ל, איז געווען בניסן, משא"כ די גאולה העתידה וואס ענינה איז תשובה, איז דא א מ"ד אז בתשרי עתידין להגאל, ווייל תשובה איז מלמטלמ"ע, בלייבט אבער די הלכה אויך בנוגע די גאולה העתידה אז מען דארף ניט ווארטן ביז תשרי נאר בניסן עתידין להגאל, ווייל אויך אין די גאולה העתידה איז דא ענין עבודת הצדיקים, כנ"ל.

נאר נוסף למעלת הצדיקים שבגאולה העתידה, איז אין איר דא אויך ענין התשובה, וואס מעלת התשובה איז אז מצד דעם וואס ער איז שוין אדורך אויך דעם היפך, ער האט שוין דאס אויך באווארנט, איז ער פארזיכערט אז דאס וועט האבן א קיום נצחי, און אזוי אויך די גאולה העתידה, מצד דעם וואס זי קומט שוין לאחרי כל (החטאים ו)הגליות, וועט זי זיין א גאולה שלימה ונצחית, שאין אחרי' גלות.

דאעפ"י אז אין די גאולה העתידה איז דא ניט נאר מעלת עבודת הצדיקים נאר אויך מעלת עבודת התשובה, וועט זי זיין בניסן כנ"ל, ווייל אויך חודש ניסן (שענינו עבודת הצדיקים) קומט בהמשך ולאחרי הקדמת פ' פרה, וואס ענינה איז תשובה, וכמו שנתבאר (בשיחת ש"פ ויק"פ) בענין פ' פרה ופ' החודש, אז פ' פרה איז ענינה תשובה, און פ' החודש איז ענינה עבודת הצדיקים, און דעריבער איז מען מקדים פ' פרה לפ' החודש, ווייל אויך צדיקים דארפן אנקומען לעבודת התשובה, וכמאמר המדרש (פ' בא) שאוכלי הפסח צריכים לפרה.

ג. עפ"י האמור בענין פרשת פרה ופרשת החודש, וועט מען פארשטיין וואס עס שטייט אין ירושלמי (מגילה פ"ג, ה"ה) דעם טעם אויף דעם וואס פ' פרה קומט פאר פ' החודש - שהיא טהרתן של כל ישראל, די מפרשי הירושלמי על אתר - וואס זיי זיינען ניט מדייק אין די ענינים בפנימיותם - זיינען זיי מעתיק "שהגא טהרתן של ישראל", און זיינען משמיט דעם ווארט "כל", אין ירושלמי אבער שטייט דער לשון - כל ישראל. ולכאורה, איז דאך די וואס דארפן אנקומען צו פרה זיינען נאר די טמאים, אבער ניט כל ישראל: נאכמער, דער גאנצער ענין וואס אוכלי הפסח דארפן אנקומען צו פרה איז דוקא בשעת ס'איז נאר א מיעוט: בשעת אז כל ישראל, אדער אפילו רוב ישראל, זיינען טמאים, איז דאך טומאה דחוי' צי הותרה בציבור, אפילו בשעת ס'איז מחצה על מחצה איז אויך דא א גאנצע שקו"ט אין גמרא, נאר דוקא בשעת א מיעוט זיינען טמאים, איז דער מיעוט קען ניט מקריב זיין דעם קרבן פסח אידער זיי זיינען זיך מטהר בפרה, איז וואס זאגט ער אין ירושלמי דעם לשון כל?

- (נוסף על הלשון עצמו, וואס אין ירושלמי זאגט ער דעם לשון כל, קומט אויס אזוי אויך מצד המשך הענין שם: דאס וואס אין פרה איז תלוי די טהרה פון אידן גיט עס דער ירושלמי א טעם אויף דעם וואס מען איז מקדים פ' פרה לפ' החודש (וואס אלע אידן זיינען דאך מקדים פרה להחודש), איז אויב נאר א מיעוט וואלטן דארפן אנקומען צו פרה, וואלט דאך דאס ניט געווען קיין טעם מספיק אז מען זאל מקדים זיין (ביי אלע אידן) פרה להחודש).

אויך אין מדרש וואו ער קלערט וואס איז גרעסער פרה צי החודש, און ער איז מסיים אז פרה איז גרעסער ווייל אוכלי הפסח צריכים לפרה, איז אויב מען וואלט געזאגט אז בלויז א מיעוט (מצד א סיבה צדדית, שנטמאו כו', ולא הכרח בעצם ענין הקרבת הפסח) דארפן אנקומען צו פרה, איז נאך ניט קיין ראי' אז פרה איז גרעסער פון פסח) -



הנחה פרטית בלתי מוגה

הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשכ"ד שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס : 277 הודפס ע"י אוצר החכמה

נאך א זאך איז ניט מובן אין ירושלמי: בירושלמי שם זאגט ער: בדין הוא שתקדים החודש לפרה, שבאחד בניסן הוקם המשכן ובשני נשרפה הפרה (ד.ה. אז עס האט גאר ניט געקענט זיין די מציאות פון שריפת הפרה פאר אחד בניסן (וואס דאס איז דער ענין פון החודש הזה לכם ראש חדשים), ווייל די הזיית הפרה האט געדארפט זיין אל פתח אוהל מועד, במילא האט עס געמוזט קומען נאך הקמת המשכן שבאחד בניסן), ולמה פרה קודמת שהיא טהרתן של כל ישראל, איז ניט מובן: ממה נפשך, וויבאלד אז פרשת החודש דארף אנקומען צו פרה, און דעריבער לייענט מען פרה פריער, האט דאך אויך דעמאלט געדארפט זיין די שריפת הפרה פאר הקמת המשכן, דאעפ"י אז עס דארף זיין די הזי' אל פני אוהל מועד, איז וויבאלד אבער אז ענינה של פרה דארף קומען פריער, האט דאך זיכער דער אויבערשטער געקענט מאכן באופן כזה אז עס זאל זיין שריפת הפרה פאר הקמת המשכן שבאחד בניסן - בדרך הוראת שעה - ובדוגמת שארי הקרבנות שהקריבו קודם הקמת המשכן, און אויב אז פרה מוז אנקומען צו משכן, אחד בניסן, האט דאך געדארפט זיין אזוי דער סדר אויך בכל השנים, אז פ' פרה זאל מען לייענען נאך פ' החודש, דאעפ"י אז אין פרה איז תלוי טהרתן של כל ישראל און אן דעם קען ניט זיין הקרבת הפסח, איז דאך דאס גופא דארף האבן א ביאור: וויבאלד אז באחד בניסן הוקם המשכן ובשני בניסן נשרפה הפרה, וואס דערפון זעט מען אז ענין פ' פרה דארף אנקומען צו ענין פ' החודש, איז פארוואס טאקע אוכלי הפסח צריכים לפרה? און וואס נאך מער פלא איז, וואס להקרבת הפסח בשנה הראשונה האט מען טאקע ניט געדארפט אנקומען צו פרה, איז פארוואס בשנים שלאחרי זה דארפן אנקומען אוכלי הפסח לפרה?

ד. וועט מען פארשטיין כל זה בהקדים משנת"ל אז פרשת פרה איז ענינה תשובה,

- וואס אזוי איז דאך אויך כפשוטו, אז פרה איז מטהר טומאת מת, וואס ענין המיתה קומט בסיבת חטא עה"ד שרש כל החטאים. און אזוי איז אויך בפנימיות הענינים, איז שריפת הפרה ענינה - כמבואר בדרושי פרה אדומה - אז מען פארברענט דעם ציור הרע, און עס בלייבט איבער נאר דער אפר בלבד, דער כח המתאוה, און אט דער כח המתאוה, איז אעפ"י אז ער איז דאך אפר הפרה דקבילת משמאלא, דארף מען אים איבערמאכן צו קדושה ואהבת גו' בכל לבבך בשני יצרך, וואס דאס איז דאך ענין התשובה, אז מען מאכט איבער זדונות לזכיות -

א'יז לכאורה האט מען געקענט זאגן, אז ווער דארף אנקומען צו תשובה - פרה - נאר אזא וואס חטא ופגם ועבר את הדרך, אזוינע וואס האבן א שייכות צו טומאת מת כו', זאגט אבער דער ירושלמי, אז אין דערויף איז תלוי טהרתן של כל ישראל, אז אויך ביי צדיקים דארף זיין עבודת התשובה. וואס פון דעם אליין וואס מען זעט אז תשובה האט אין זיך דעם כח צו נעמען א פרה דקבילת משמאלא און איר אליין איבערמאכן צו קדושה ביז אין אן אופן אז דאס זאל מטהר זיין אבי אבות הטומאה, איז פון דעם אליין זעט מען דאך גודל מעלת התשובה, וואס דערפאר דארפן אויך צדיקים אנקומען צו תשובה. וואס דערפאר איז כל ישראל לייגען פ' פרה - תשובה - פאר פ' החודש - צדיקים - ווייל תשובה איז א יסוד אויך לעבודת הצדיקים (און אזוי ווי יעדער ענין שבפנימיות התורה קומט אראפ אויך אין נגלה ביז אין א הלכה, איז קומט עס ארויס להלכה בנוגע די וואס זיינען נטמא געווארן, אז זיי עכ"פ דארפן אנקומען צו טהרת הפרה, בשביל אכילת הפסח).

אמנם כל זה הוא לאחר וואס ס'איז שוין דא דער ציור פון עבודה, דעמאלט איז דער יסוד העבודה, גם לעבודת הצדיקים, הוא תשובה. אך בתחלת העבודה, בשעת ס'איז נאך ניטא קיין ציור, איז דאס ע"ד ווי בתחילת הבריאה, אז במי נמלך בנשמותיהם של צדיקים דוקא (כמשנ"ת בשיחת ש"פ ויק"פ). און דעריבער איז בנוגע לפסח ראשון, גלייך ביציאת מצרים, וואס דעמאלט איז געווען א מציאות חדשה, גר שנתגייר כקטן שנולד, האט מען אנגעהויבן גלייך בהקרבת הפסח, אן דעם ענין פון פרה.

און אזוי איז בשעת הקמת המשכן, איז באחד בניסן הוקם המשכן, קודם לשריפת הפרה, ווייל דעמאלט איז געווען א מציאות חדשה, וכדאי' במדרש אז יום שהוקם בו



הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשכ"ד שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס: 278 הודפס ע"י אוצר החכמה

המשכן שקול כבריאת שמים וארץ, ומרומז גם בגמרא יום שנטל עשר עטרות כו' ראשון למע"ב, איז וויבאלד ס'איז געווען א מציאות חדשה, האט מען אנגעהויבן גלייך מיט עבודת הצדיקים, דהקמת המשכן הו"ע עבודת הצדיקים כו', מציאות חדשה כו' (חסר קצת), דאעפ"י אז דאס איז געווען לאחר חטא העגל, איז דאך אבער לכמה דיעות, הציווי על עשיית המשכן הי' קודם חטא העגל.

וידוע החילוק בין משכן למקדש, אז משכן איז געווען פון קרשים, צומח, און מקדש פון אבנים, דומם, כמבואר בארוכה בלקו"ת בסיום וחותם פרשת ברכה. וואס אין עבודה איז צומח - עבודת הצדיקים, און דומם - עבודת התשובה.

אמנם, גלייך אויף מארגן נאך הקמת המשכן, בשני בניסן, שהי' כבר מציאות ציור כו', איז גלייך נשרפה הפרה, עבודת התשובה, און דאס איז אויך א הקדמה להקרבת הפסח, שאוכלי הפסח צריכים לפרה.

ה. ההוראה מזה בעבודתינו: אמת טאקע אז בתחילת הבריאה איז במי נמלך בנשמותיהם של צדיקים, ועד"ז בכאו"א איז גלייך ווי ער ווערט בר-מצוה איז דאך ניט שייך ביי אים כו' כי הוא מציאות חדשה, וקודם בר-מצוה איז שייך ענין החטא כו', דאעפ"י אז דער אלטער רבי זאגט בשלחנו אז עס דארף זיין תשובה גם על הענינים שעשה קודם בר מצוה, הנה זהו מגדרי התשובה כו' (חסר קצת. נזכר כאן גם מהל' ת"ת לאדה"ז בענין המצות שקודם בר מצוה),

אבער לאחרי זה דארף זיין עבודת התשובה, וואס במקום שבע"ת עומדים צ"ג אין יכולים לעמוד שם, ווייל זיי האבן שוין אלץ באווארנט, גם הרע כו', וכנ"ל במעלת שטר שנתקיים לאחרי שקרא עליו ערעור, וואס דאס איז די שייכות פון תשובה מיט די גאולה העתידה שאין אחרי' גלות, ווייל מ'האט שוין אלץ באווארנט, מען איז שוין אדורך אויך דעם גלות כו', וואס דעריבער ווערט עס אן ענין נצחי, שפת אמת און אמת אליין - תכון לעד,

וואס דאס איז אויך וואס די גאולה העתידה וועט קומען דורך דוד'ן, ועבדי דוד נשיא להם לעולם, וואס דוד איז דאך געווען דער וואס האט געבויט דעם מקדש שנעשה מאבנים, דומם, וואס דאס איז ענין עבודת התשובה כנ"ל, וואס דאס איז געווען ענינו של דוד, וואס דערפאר האט ער געזאגט אם לא שויתי ודוממתי, ודוממתי מלשון דומם.

ו. עפ"י האמור לעיל בענין פ' הפרה ופ' החודש, אז דאס איז דער ענין פון עבודת הצדיקים ועבודת התשובה, וועט ווערן רעכט כמה ענינים בלתי מובנים וואס מיר געפינען בענין פרשיות אלו. ומהם: אין די ד' פרשיות - שקלים, זכור, פרה און החודש - איז צווישן שקלים מיט זכור, אזוי אויך צווישן זכור מיט פרה, איז לפעמים דא א הפסק מיט אן אנדער שבת. משא"כ בין פ' פרה להחודש אין מפסיקין, און מען גיט אויף דעם א סימן פון די ד' כוסות: בין כוס ראשון לשני אם רצה קען ער מפסיק זיין, ומכ"ש בין כוס שני לשלישי קען ער אודאי מפסיק זיין, אינמיטן איז דאך שלחן ערוך, משא"כ בין כוס ג' לד' לא יפסיק.

ולכאורה איז דאס טאקע א גוטער סימן, דער לא יפסיק ביי די כוסות איז צווישן דריטן און פערטן, און אזוי אויך דער לא יפסיק ביי די פרשיות איז צווישן די דריטע און די פערטע, ס'איז דאך אבער לגמרי צוויי באזונדערע ענינים לכאורה, וואס לא נגע ולא פגע איינע צו די צווייטע?

און דאס איז ניט סתם א סימן וואס עס שטייט אין די מפרשים פון בעלי גימטריאות וכדומה, נאר דאס איז א סימן וואס עס שטייט אין ירושלמי (שם), וואס דאס איז דאך אן ענין פון הלכה. שאעפ"י שירושלמי בערך הבבלי הוא כדוגמת מדרש בערך ש"ס, איז דאך אבער ווי גערעדט פריער, אז אפילו פון מדרש, דארטן וואו ס'איז ניטא קיין סתירה פון גמרא, פסק'נט מען א הלכה פון מדרש, וכמו"כ בנדו"ד, וויבאלד

הנחה פרטית בלתי מוגה



הדפסה ברזולוציית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשכ"ד שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס: 279 הודפס ע"י אוצר החכמה

אז אין בבלי איז ניטא קיין סתירה צו דעם, איז דאך דער סימן וואס עס שטייט אין ירושלמי, איז דאס א הלכה, ובפרט נאך אז פריער ברענגט ער אין ירושלמי (שם) אן אנדער דיעה, אז בין פורים לפרה אין מפסיקין, און דערנאך זאגט ער אז ס'איז ניט אזוי, נאר בין פרה להחודש אין מפסיקין, און גיט אויף דערויף דעם סימן פון בין כוס ג' לד' לא יפסיק, איז דאך דאס אודאי אן ענין פון הלכה.

איז דאך זיכער אז דאס איז ניט סתם א סימן לזכרון בעלמא, - וואס אפילו אויב מ'וואלט געווען בלויז א סימן לזכרון, איז בשעת אז תורה גיט א סימן, איז אפילו א סימן לזכרון, האט א שייכות - נאר דער לא יפסיק בין פרה להחודש מיטן לא יפסיק בין כוס ג' לד' איז דער זעלבער ענין.

ז. וועט מען עס פארשטיין פון דעם וואס דער צ"צ איז מבאר:

- צווישן די סימנים אז מען האלט איצטער שוין פאר די גאולה העתידה איז דער ענין פון פדיון שבוים, וואס אלץ וואס ווייטער ווערן כמה אידן נפדה מהגלות. וכמו"כ איז אויך פדיון שבוים אין כתבים, אז כמה כתבים - ומהם גם כתבי יד קודש - מרבותינו נשיאינו האלטן אלץ אין איין נפדה ווערן, אין די טעג איז אנגעקומען א ביכל פון צ"צ וואו ער איז מבאר -

דעם ענין פון בין כוס ג' לד' לא יפסיק, ברענגט ער (הערה: מה שמועתק כאן בשם הצ"צ אינו מדוייק כלל ומשובש, ועיין בשיחת אחש"פ), שהד' כוסות זיינען כנגד חכמה, בינה, ז"א ומלכות, פריער וויל ער זאגן אז די ד' כוסות זיינען א סדר מלמטלמ מלכות, ז"א, בינה און חכמה, און עפי"ז קומט אויס דער טעם אויף בין כוס ג' לד' לא יפסיק, ווייל כוס ג' וד' איז יחוד חו"ב, און חו"ב זיינען תרין רעין דלא מתפרשין, דערנאך אבער איז ער מסיים, אז מען קען ניט זאגן אז דאס איז א סדר מלמטלמ"ע, ווארום פסח איז דאך עניינו דילוג, גילוי מלמעלה למטה, דעריבער דארף מען זאגן אז דער סדר הכוסות איז: חכמה, בינה, ז"א און מלכות, איי פארוואס בין כוס ג' לד' לא יפסיק - איז ער מבאר אין דעם צווויי טעמים (וואס לכאו' זיינען ביי סותרים זה לזה).

איין טעם זאגט ער: ווייל דער יחוד למעלה איז תלוי בעבודת האדם למטה, דערפאר איז בין כוס ג' לד' לא יפסיק, ווארום אויב עס ווערט זיין א הפסק בעבודת האדם למטה, קען זיין א הפסק בין ז"א לנוק', משא"כ בין כוס ראשון לשני קען מען מפסיק זיין, ווייל וויבאלד אז די ב' כוסות הראשונים זיינען חכמה ובינה, איז דארטן ווערט סיי ווי ניט זיין קיין הפסק, ווייל חו"ב זיינען תרין רעין דלא מתפרשין, א צווייטן טעם זאגט ער: לאחר שהאדם ע"י עבודתו פועל יחוד זו"ן, איז דאס נאך העכער פון יחוד חו"ב שע"י ב' כוסות הראשונים, שאין שייך בהם הפסק, און וויבאלד אז בעניינם למעלה איז ניט שייך קיין הפסק, במילא ווערט עס אזוי אויך ביי דעם אדם למטה, שבין כוס ג' לד' לא יפסיק.

וואס לכאורה זיינען די צוויי טעמים סותרים זה לזה?

ח. ויש לבאר עפ"י המבואר בד"ה החודש תרנ"ד - א מאמר פון דעם בעל ההילולא, וואס ער האט געזאגט מיט זיבעציק יאר צוריק - אז אין יחוד חו"ב גופא זיינען פאראן צוויי מדריגות: יחוד חיצוני דחו"ב ויחוד פנימי דחו"ב, וההפרש ביניהם, אז יחוד חיצוני איז דא מצד עצמו, און אויף דעם שטייט אז חו"ב זיינען תרין רעין דלא מתפרשין לעלמין, משא"כ יחוד פנימי דחו"ב, דאס ווערט אויפגעטאן דורך די עבודה פון אידן דוקא, ולא ישנו מצד עצמו.

וואס עפי"ז איז ער מבאר דארטן המעלה דחודש ניסן על תשרי, וואס אויף ניסן שטייט החודש הזה לכם ראש חדשים גו', אעפ"י אז בתשרי איז ר"ה, ווייל דער ר"ה שבתשרי הוא המשכת החיות שמיחוד חיצוני דחו"ב, אמנם בחודש ניסן נמשך החיות מבחי' יחוד פנימי דחו"ב, ועד"ז החודש הזה לכם, אז דאס טוט זיך אויף ע"י עבודת נשמות ישראל.



הנחה פרטית בלתי מוגה

הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשכ"ד שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס: 280 הודפס ע"י אוצר החכמה